ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתס"ו
פרשת וישב
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' שו) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' אפרים הלוי פריעדמאן ז"ל הכ"מ** סופר סת"ם

## ואנכי תרגלתי לאפרי"ם

עס איז דאך ידוע אז **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** איז געווען מורא'דיג נזהר בענינים שבין אדם לחברו, אויב האט ער אמאל געהאט פון איינעם א טובה האט ער מכיר טובה געווען פאר יענעם און פאר זיינע קינדער אויף א גרויסן פארנעם. און ח"ו אויב האט זיך אים געדוכט אז ער האט איינעם פוגע געווען, האט ער נישט גערוהט ביז ער האט יענעם מפייס געווען בכל מיני פיוס, און צוגעצאלט מיט א ברייטע האנט כדי זיכער צו מאכן אז יענער איז מוחל בלב שלם.

א. א ענין נורא האב איך געהערט פון הרה"ח ר' חיים יעקב דייטש ע"ה אז ווען ער איז אמאל אריינגעקומען אל הקודש פנימה צום רבי'ן זי"ע, האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט פון פלאץ, און ער האט פארשלאסן די טיר פון צימער. ר' חיים יעקב האט זיך זייער דערשראקן נישט קענענדיג פארשטיין וואס דא גייט פאר.

דער רבי זעצט זיך אראפ אויפן בענקל און ער הייבט אים אן צו דערציילן אז בעפאר די מלחמה אין דער אלטער היים איז געווען א געוויסע שלום בית סכסוך צווישן זיין משפחה און א צווייטע משפחה, וואו דער רבי האט נוטה געווען לטובת די צווייטע משפחה.

האט דער רבי אויסגעפירט "אזוי ווי נאך די מלחמה איז קיינער נישט געבליבן פון דיין גאנצע משפחה נאר דו, וויל איך דיך מפייס זיין"...

ר' חיים יעקב האט זיך געשעמט, און ער האט געזאגט "דער רבי דארף מיך מפייס זיין? איך דארף דען מוחל זיין דעם רבי'ן?". אבער דער רבי האט נישט נאכגעגעבן ער האט אים מפייס געווען, ביז ווען ער האט ארויסגעזאגט מיטן מויל אז ער איז מוחל בשם זיין משפחה.

אזוי ווייט איז געווען דעם רבי'נס זהירות אין ענינים שבין אדם לחברו.

ב. איך האב געהערט פון הרה"ח בנש"ק רבי **ישכר בעריש בר"ש לויפער** ז"ל אז נאך די מלחמה איז ער געווען א קינד, און ער האט געוואוינט אין אנטווערפן מיט זיין טאטן הרה"ח ר' שמעון לויפער ז"ל, אין יענע תקופה איז געקומען קיין אנטווערפן הגה"צ רבי **מרדכי רוקח זצ"ל אב"ד בולגרייא**, און ער איז געקומען פארהערן אין די תלמוד תורה.

ווען ער האט אים פארהערט און ער האט זייער גוט געקענט, האט אים דער בולגרייער רב געפרעגט ווער ער איז, האט ער געזאגט זיין יחוס, און ער האט דערמאנט אז דער סאטמארער רב איז זיין פעטער. (אביו הרה"ח ר' שמעון לויפער ז"ל, חתן הרה"צ רבי משה הכהן ז"ל בן הרבנית הצדיקת חנה ע"ה, אמו של רביה"ק הדברי יואל זי"ע מזו"ר).

**האט זיך דער בולגרייער רב אנגערופן "לערן פלייסיג בחור'ל, דו האסט א פעטער וואס דער ברודער זאל מאריך ימים זיין** (הרה"ק מהר"א מבעלזא זלה"ה) **זאגט אז ער איז דער גדול הדור"....**

ז' שז) עס דערציילט אונזער זיידע
**הגה"ח רבי נחמן יאקאב שליט"א** ירושלים עיה"ק

## די מנורה פון הייליגן ישמח משה זלה"ה

איך האב זוכה געווען מיטצוהאלטן די עבודת הקודש פון כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה אין ירושלים עיה"ק, ווען אלעס איז נאך געווען בזעיר אנפין אויף זייער א קליינעם פארנעם. דער רבי ראיז דארט אנגעגאנגען מיט די עבודת הקודש אזוי ווי אין די שפעטערדיגע יארן בלהב אש קודש.

אין איינע פון די נעכט פון חנוכה האט דעם רבי'נס קרוב הגה"ח ר' **יואל אשכנזי** ז"ל אריבערגעברענגט פארן רבי'ן די מנורה אין וועלכע דער הייליגער **ישמח משה** ז"ל האט געצינדן דערין. די מנורה איז געווען אויסגעשטעלט ווי א קליינעם פלאכע קופערנע געשטעל וועלכע האט נישט געהאט קיין פלאץ פאר גלעזעלעך, נאר עס איז געווען אויסגעשטעלט ווי שמאלע טעלערלעך, און די קנויטן האט מען אריינגעלייגט ביים עק ווי עס איז געווען שמאל אויסגעפארעמט, און דאס האט געצויגן די אויל פון די גאנצע טעלערל.

יענע נאכט ביי די דברי תורה איז דער רבי געווען זייער שטארק אויפגעלייגט, ער האט נאכן צינדן ארומגערעדט איבער דאס חשיבות פון א חפץ פון א צדיק, דער רבי האט ארומגערעדט איבער די פכים קטנים וועלכע יעקב אבינו ע"ה האט איבערגעלאזט ביים מעבר יבוק, און איז נאכגעגאנגען נאך זיי א לענגערע שטרעקע כדי ער זאל קענען צוריקנעמען זיינע חפצים ווי ער האט געהאלטן פאר א חשיבות א "חפץ פון א צדיק". (עי' בחידו"ת ויצא תשכ"א, ווי דער רבי שמועסט אויס איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פון א חפץ פון א צדיק, און ווי דער רבי פארענטפערט צענדליגער קושיות אינעם ענין פון די שאף פון יעקב אבינו אז עס האט געהאט א ספעציעלע חשיבות און הייליגקייט זייענדיג א חפץ פון א צדיק).

די מנורה איז אנגעקומען צו רבי יואל אשכנזי ז"ל, זייענדיג א אינגערמאן האט ער מיט נאך א טבריא'ער אינגערמאן באדינט אן עלטערער איד אין צפת וועלכער איז געווען אן אייניקל פון מרן הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, און אלס מתנה און הכרת הטוב האט זיי דער איד אוועקגעגעבן בעפאר זיין פטירה צוויי ווערד-פולע מתנות, פאר רבי יואל ז"ל האט ער אוועקגעגעבן די מנורה פונעם ישמח משה זי"ע, און פאר דעם צווייטן אינגערמאן האט ער אוועקגעגעבן במתנה די מגילה פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע.

רבי יואל האט שפעטער דערציילט אז ביז יענעם חנוכה האט ער זייער אסאך געליטן פון צער גידול בנים ל"ע, אבער למרבית הפלא זייט יענעם חנוכה פון ווען ער האט אויפגעלעבט דעם רוח הצדיק מיטן מזכה זיין מיט די הייליגע מנורה, זענען פלוצים אלע צער יגון ואנחה פארשוואונדן געווארן און ויהי אור במושבותו, וואס ער האט דאס אנגעהאנגען אינעם זכות פון מחיה זיין דעם רבי'ן מיטן ברענגען די מנורה אויף חנוכה.

תיכף נאך אין די זעלבע נאכט האט דער רבי צוריקגעגעבן די מנורה פאר רבי יואל אשכנזי ז"ל וועלכער איז צוריקגעפארן דערמיט קיין טברי'. די זקני החסידים האבן אויפצומארגנס געשמועסט אז דער רבי האט דאס תיכף צוריקגעגעבן ווייל ער האט נישט געוואלט אז עס זאל זיך אים פארגלוסטן און דאס ווען אפקויפן פון רבי יואל. די נקיי הדעת אין ירושלים האבן דערמיט שטארק באוואונדערט די מידות פון רביה"ק זי"ע.

ז' שח) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' חיים שמואל שפילמאן ע"ה**

## 'זאת חנוכה' א מסוגל'דיגער טאג

במשך די ערשטע יארן נאך די חתונה האט ער זיך געמוטשעט מיט צער גידול בנים, און ער האָט אַסאַך מתפלל געווען צום אויבערשטן, אויפגעראָכטן צו ווערן מיט זש"ק. ער איז דאן אסאך ארום געגאנגען צו רבנים און גדולי ישראל, מקבל צו זיין מברכותיהם הטהורות להפקד בדבר ישועה ורחמים.

עטליכע מאָל האָט ער דאַן זוכה געווען מקבל צו זיין מברכותיו פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** וואָס האָט אים אַלץ מחזק און מבטיח געווען אַז ער וועט זוכה זיין צו זש"ק. ביי א געלעגענהייט ווען ער איז געווען צוזאַמען מיט זיין פאָטער הרה"ח ר' שלמה אלעזר ז"ל ביים רבי'ן האָט ער דערביי מזכיר געווען זיין זון ר' חיים שמואל געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער. ווען דער רבי האָט געהערט דעם קול בכי פון זיין פרוי תחי' וועלכע איז דאָרט געווען בשעת מעשה, האָט דער רבי זיי באַרואיגט און מחזק געווען, זאָגענדיג בלשונו "וועסט האָבן, וועסט האָבן".

ביי אן אַנדערע געלעגענהייט ווען ער איז אַריין צום רבי'ן מזכיר צו זיין אויף קינדער, איז דער משב"ק הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל געווען אינעווייניג אין צימער, און ער האָט פאָרגעשטעלט פאַר'ן רבי'ן זייער בקשה געהאָלפן צו ווערן מיט זש"ק.

האָט דער רבי אויפגעהויבן די הענט, און געצייגט ווי ער הייבט עס אויף הויך, ווען דערביי האָט ער געזאָגט פאַר ר' עזריאל גליק "דער צאַנזער רב".

ר' עזריאל ז"ל האָט מסביר געווען אַז דער רבי מיינט די מעשה פונעם **צאַנזער רב** ז"ל וואס ווען מען איז געקומען צו אים נאָך א ישועה, האָט ער אויפגעהויבן די הענט הויך, און דערנאָך נאָך העכער און נאָך העכער, מיינענדיג צו זאָגן אַז ער וועט געהאָלפן ווערן איינמאָל און נאָכאַמאָל. דער רבי האָט זיי דערנאָך וואַרעם אָנגעוואונטשן בזכותו פונעם הייליגן צאַנזער רב ז"ל.

שפּעטער איז געווען נאָכאַמאָל ווען זיי זענען אַריין צו מרן רביה"ק זי"ע זיך מזכיר צו זיין פאַר קינדער. הערענדיג די בקשה באַגלייט מיט בכיות און טרערן, האָט דער רבי זיך אָנגערופן בל"ק "איך האָב דאך שוין אָנגעוואונטשן" און דער רבי האָט זיי ווידעראַמאָל געגעבן זיין ברכה.

זיי האָבן זיך אויך מזכיר געווען ביי אַנדערע צדיקים, צווישן זיי ביי **הרה"ק מריבניץ** ז"ל, וועלכער האָט זיי מבטיח געווען אַז זיי וועלן האָבן קינדער. ווען דער ריבניצער רבי האָט געהערט

נתנדב לעילו נשמת **הרה"ח ר' אפרים ב"ר אברהם אליהו הלוי** (פריעדמאן) סופר סת"ם • נלב"ע ט"ז כסלו תשפ"ה •

אַז מען פאַרפירט ווייטער מיט א בקשה, אַז מען זאָל "שוין איצט" געהאָלפן ווערן, האָט דער ריבניצער רבי זיך צושמייכלט, פון וואָס מ'האָט געזען אַז ס'איז ביי אים געווען אַזוי קלאָר אַז זיי וועלן געהאָלפן ווערן מיט זש"ק.

ביי א געלעגענהייט האָט ר' חיים שמואל זיך מזכיר געווען לברכה ולישועה ביים **סקולענער רבי'ן** הרה"ק בעל **נועם אליעזר** ז"ל, וועלכער האָט אים גאָר וואַרעם אָנגעוואונטשן מיט די תפלה פון "זרעא חייא וקיימא, זרעא דלא יפסוק ולא יבטול מפתגמי אורייתא" א ברכה מיט וואָס ר' חיים שמואל און תלחט"א זיין חשוב'ע פרוי האָבן זיך שטאַרק מחזק געווען במשך אַלע יאָרן.

אין די שפּעטערע יאָרן נאָכ'ן הסתלקות פון רביה"ק ז"ל, האָט ר' חיים שמואל אַלץ זיך ווייטער מזכיר געווען להפקד בדבר ישועה ורחמים ביי מרן רבינו הברך משה מסאַטמאַר ז"ל, וועלכער האָט אים אַלץ מחזק געווען און אָנגעוואונטשן מברכותיו הטהורים.

דאָס איז אויסער וואָס ר' חיים שמואל זעלבסט האָט כסדר מתפלל געווען און נישט אויפגעגעבן קיין האָפענונג. צוזאַמען מיט תלחט"א זיין חשוב'ע פרוי תחי' האָט ער זיך נישט געלאָזט אַריינגעשלעפּט ווערן אין געפילן פון יאוש, און אַלץ אַרויסגעקוקט אויף ישועת ה' כהרף עין.

די ישועה מן השמים איז געקומען חנוכה תשמ"א לפ"ק, ווען הרה"ח ר' יקותיאל הערש הלוי ווערצבערגער ז"ל דער ראש המנגנים בחצרות קדשנו, האט פארבעטן ר' חיים שמואל ז"ל צו קומען זינגען אינעם 'קאר' לכבוד חנוכה.

'זאת חנוכה', יום פקודת עקרות, נאכן ענדיגן דאס זינגען ואמירת דברי תורה האט אים רבי יקותיאל הערש אריינגעפירט צום רבי'ן ז"ל און געזאגט "רבי, דער אינגערמאן האט געזינגען גאנץ חנוכה אינעם 'כאר', ער האט נישט קיין קינדער און ער  ווארט שוין יארן אויף א ישועה משמים.

דער רבי האט גענומען זיין האנט מיט גרויס התרגשות און אים געבענטשט מיט גאר ווארימע ברכות. און גאר אין קורצן איז ער נפקד געוואָרן מיט זש"ק.

ער האט זוכה געווען צו זרע ברך ה', ווען פון זיינע קינדער זענען אויסגעשטיגן חשוב'ע תלמידי חכמים ומרביצי תורה שליט"א יראי ה' וחושבי שמו פון וועמען ער האָט געשעפּט הויפּנס מיט אידיש נחת.

ז' שט) עס דערציילט אונז

**הגאון הגדול משיירי כנה"ג רבי אליקים שלעזינגער שליט"א – ראש ישיבה הרמה**

## מ'דארף וויסן אז מען איז אנדערש...

מיר האבן געוואוינט בימי נעורינו אין די שטאט וויען.

וויען איז א גרויסע שטאט, אין עס איז נישט געוועהן קיין עירוב, עס זענען געווען צוויי שכונות, און עס איז דורכגעלאפן א גרויסער וואסער, דער רב בימים ההם איז געווען הגאון בעל **תוספות יו"ט** ז"ל ער האט מתיר געווען אז דאס הייסט אן עירוב. שפעטער איז געווען די גרויסע בריקן, די באן איז דארט געפארן, איז שוין געווען חולקים אויף דעם, צי די בריקן זענען די מחיצה. (ענין 'הים חומתן' עי' שו"ע (סי' שס"ג סכ"ט), ועי' מג"א סק"ל, ועי' מג"א (סי' שנ"ו סק"א) בענין כאשר הים הולך באמצע העיר. ובנוגע אם יש 'בריק' מעל המים עי' בס' תוס' שבת (סי' שס"ג סקכ"ו), ובתשו' נודע ביהודה (תנינא או"ח סי' מ"ב) שו"ת חת"ס (או"ח סי' פ"ט) שו"ת שערי ציון (סי' ד' ה' ו').

למעשה, איז געווען אין אונזער צייט די צוויי באצירקן (שכונות), אין מיין צייט האבן רוב אידן געטראגן מיטן עירוב, עס זענען געווען אסאך אידן, סאך מער אידן ווי עס זענען געווען אין אנדערע פלעצער אין די צוויי שכונות, מ'האט יא געטראגן מיטן עירוב.

(להרחבת הענין נאריך בזה באיזה מ"מ שקבלנו מפי ת"ח: בשנת שנ"ח בנו בעיר וויען את את הנהר הנקרא 'דאנוי קאנאל' והיינו שהמשיכו 'קאנאל' מהנהר הגדול 'דאנוי' שהיה הולך על צדו של העיר וויען, והקאנאל שהמשיכו מהנהר הגדול היה הולך וסובב את המחוזות הנקראים ה'שתים' וה'עשרים', וכמובן היה גשרים עוברים על הנהר והקאנאל לעבור משם לחלקים אחרים של העיר. - קצת מאוחר באותו התקופה בשנת שפ"ה בעת בואו של התוס' יו"ט לכהן בתור אב"ד בהעיר (מחודש אדר שנת שפ"ה עד אחר פורים שפ"ז) היה אחד מהתקנות הגונות שתיקן תיכף בעת בבואו לאסף כל היהודים לדור ביחד עפ"י רשיון של המלך לזה (כ"כ בריש מגילת איבה עיי"ש) וזה היה בשני שכונות הנ"ל ושכן היה עד סמוך למלחמת העולם השני.

בשנת תרכ"ט (עי' להלן) הנהיג והתיר הג"ר זלמן שפיטצער זצ"ל חתן הגה"ק החת"ס זצ"ל שהיה האב"ד קה"ל שיף בעיר וויען לטלטל בעיר וויען, על סמך שהמחוזות של היהודים הרי הם מוקפים במחיצות של הנהר והקאנאל, ועפ"י תשובת חותנו החת"ס (או"ח סי' פ"ט) שאין בהגשרים העוברים על המחיצות של הנהר מדין פירצה. אמנם בימי מלחמת העולם הראשונה בשנת תרע"ד בערך שבאו הרבה גאונים ות"ח לגור בעיר וויען ובתוכם הג"ר בעל אמרי יושר זצ"ל פקפוק הוא על ההיתר טלטול, באומרו שכבר השיג בתשובה לדומ"ץ אנטווערפן (אמרי יושר ח"א סי' ב' ) על התירו של החת"ס, (עי' כ"ז בהליכות חנוך ה' עירובין אות צ"ה, ובשו"ת אבני ברזל סי' פ' להר' א"י שווארץ שליט"א). גם הג"ר חיים יצחק ירוחם אבדק"ק אלטשטאדט זצ"ל בא אז לוויען ופקפק על העירוב (דברי חנה השלם פרק ו', קובץ אור ישראל כ"א עמוד רמ"ו בשם הגרש"ד אב"ד נייטרא), וכמו"כ הג"ר יוסף ענגיל זצ"ל פקפוק אז על העירוב (ניצוצי צבי מאיר עמו' קל"ב). אמנם הרבה רבנים וגאונים התירו אז לטלטל (הג"ר נ"צ שמערלער דיין בוויען בקובץ קרן ישראל עמו' א', וכן השיב על תשובת האמרי יושר בספר ברכת שלום (תשובה ג') לדומ"ץ אנטווערפן הנ"ל, ושכן נקטו הרבה גדולים עי' בשו"ת נחלת יואל זאב סי' כ"ג ועוד). ולמעשה הציבור החסידים המדקדקין לא סמכו על ההיתר ולא טלטלו בשב"ק, והגה"ק מקאלאשיץ ג"כ הקפיד כן מפני כבודו של הרב מאלטשטאט (דברי חנה שם), אבל ההמון עם סמכו על ההיתר (שו"ת ויען יוסף ח"א סי' קצ"ד).

והנה יש שהיה רצו לומר שחומרת המדקדקים היה שחששו שבוויען יש בו משום רה"ר (בקובץ אור ישראל כ"א שם בשם הגרש"ד אב"ד נייטרא), וכן יש שכתבו שחשש משום שהנהר נקפית ע"י קור בימי הגשמים (שם בדברי חנה), אמנם כאמור לעיל (כעדותו תושבי העיר וויען וכמו"ש בויען יוסף שם) לכאורה כל זה אינו, רק טעמם היה מפני החשש שהגשרים הם פירצה (וכמו שהאריך בקובץ אור ישראל כ"ב עמוד רמ"ז).

נאר צוויי משפחות האבן נישט געטראגן מיטן עירוב 'משפחת פאפענהיים' און 'משפחת שלעזינגער'. עס איז געווען א חילוק, ביי 'משפחת פאפענהיים' האבן די קינדער יא געטראגן, ביי אונז 'משפחת שלעזינגער' האט דער טאטע נישט געלאזט די קינדער אויך נישט טראגן.

האב איך אים געפרעגט "פארוואס ער לאזט נישט די קינדער טראגן, עד כדי כך ? !" האט ער געענפערט צוויי זאכן: "איינס הלכות שבת דאס זענען כהררים התלוים בשערה, דארט איז נישט שייך קיין 'עד כדי כך... וואס מער מ'איז מחמיר איז חשוב'ער".

"צווייטנס, האט ער געזאגט **"עס איז וויכטיג אז די קינדער זאלן אויך נישט טראגן, די קינדער זאלן וויסן אז זיי זענען אנדערש ווי אנדערע..."**

**דאס איז ביי אונז געבליבן... מיר זענען אנדערש ווי אנדערע, דאס איז געבליבן, און דאס איז געווען דער חינוך!**

גאנץ פיין, מ'דארף מכבד זיין יעדן, אבער איך דארף האבן מיין קבלת אבות ווי אזוי איך דארף זיך פירן. עס איז דא א ספר 'סדר היום' (מא' הקדמונים מצפת) שרייבט ער אין די הקדמה צום ספר אז מ'דארף וויסן צו מקרב זיין אלעמען, און זיך צו מתרחק זיין פון אלעמען, ווי אזוי שטימט דאס ? ! מ'דארף מקרב זיין אלעמען, אבער צו מיר האט דאס נישט, איך בין ווייט פון אלעמען.

דאס איז א יסוד גדול, צו מיר האט דאס נישט, חסד דארף מען טוהן מיט יענעם, אבער אויב קען דאס משפיע זיין אויף מיר, חס ושלום.

ז' שי) עס דערציילט אונזער זיידע

**הגה"צ רבי מאיר אליעזר פריעדמאן שליט"א** ר"מ בישיבה"ק

## כ"א כסלו זאגט מען נישט קיין תחנון!

איך האב געהערט פון **הגאון הצדיק רבי דוד יונגרייז זצ"ל ראב"ד העדה החרדית**, ווען מ'האט גערעדט צי מ'זאט תחנון כ"א כסלו, דער יום הצלה פון **כ"ק מרן רביה"ק זי"ע**.

האט ער געזאגט להלכה ולמעשה אז "אין דעם טאג זאגט מען נישט קיין תחנון, ווייל די הצלה פון רבי'ן איז נישט  קיין הצלת הפרט, נאר דאס איז א הצלת הדור, און דאס איז א יו"ט פארן גאנצן כלל ישראל".

ז' שיא) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' אביגדור שלום מייזעלס ע"ה**

## כ"א כסלו איז א יום טוב!

זיין חתונה איז געווען כ"ב כסלו תשל"ב.

אין יענע תקופה איז די 'בית רחל' זאל אין וויליאמסבורג נאך געווען א נייע זאל, די חתונה איז געווען באשטימט אויף אינמיטן כסלו, און צוליב פארשידענע סיבות איז די זאל נישט געווען גרייט, און מען האט געדארפט אפשטופן די חתונה ביז כ"א כסלו.

די מחותנים מצד הכלה האבן מסכים געווען צו דעם טויש, און ווען מ'האט געפרעגט דעם חתן - אונזער זיידע ר' אביגדור שלום ע"ה, וועלכער איז געווען א היבשער מיוחס, זייענדיג פון די ערשטע נעמען נאך די עלטערן פון הרבנית הצדיקת ע"ה - האט ער געזאגט אז ער איז מסכים צום טויש, אבער ער איז נישט גרייט צו מוותר זיין אז ער זאל נישט זיין ביים רבי'נס סעודת הודאה כ"א כסלו. - לאור זה האט מען קובע געווען די חתונה א נאכט שפעטער, ליל אור כ"ב כסלו.

ב. דערציילט אונז הרה"ח ר' י"מ זב"ש הי"ו וועלכער האט דאס געהערט פון אונזער טאטן ע"ה, אז ווען ער איז אריין צום רבי'ן נעמען א ברכה פאר די חתונה, האט אים דער רבי געזאגט אז ער זאל נישט פאסטן ביום החופה, ווייל **"כ"א כסלו איז א יו"ט, און מ'פאסט נישט אין דעם טאג"**. (כמובן שאין זה הוראה לרבים בלי הוראת הדומ"צ שליט"א).

ג. אונזער באבע תחי' דערציילט אויך אז זי האט יא געפאסט ביום החופה כ"א כסלו, אבער שפעט נאכמיטאג איז הרבנית הצדיקת ע"ה אריבערגעקומען צו איר אין שטוב ביום החופה - נאך בעפאר זי איז געגאנגען צו די חתונה - די רביצין האט אריינגעברענגט מזונות און קאווע און געזאגט "דער רב האט געהייסן אז מ'זאל אויספאסטן בעפארן גיין צו די חתונה". און די רביצין איז דארט געבליבן אין צימער ביז ווען זי האט אויסגעפאסט אויף די מזונות פארן גיין צו די חתונה.

א טאג דערויף, ליל כ"ג כסלו האט **הגה"צ רבי משה יאזעפאוויטש זצ"ל** חתונה געמאכט זיין זון מיט די הסכמה פון רביה"ק ז"ל. (כ"ז נרשם מפי השמועה, ובוודאי אין בסיפורים הללו שום הוראה למעשה)

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**